אַלע האָבן, אָבער, אַזעלכע נדרים געקאָנט געבן. געווען אַזעלכע אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אפילו אויף איין ליכט מנדר צו זיין. זיי האָבן, אַ חוץ וויינען און שרייען, גאָרנישט געקאָנט טאָן פאַר דעם חולה מסוכן, און דערפאַר טאַקע האָבן די געמיינע לייט געטראָגן פאַרביטערטע הערצער אַנטקעגן די פאַרמעגלעכע און גבירים, וואָס האָבן געהאַט ברייטע מעגלעכקייטן זיך אויסצוקויפן פון משחיתעס הענט. מ׳האָט טאַקע באַשיינפערלעך געזען, אַז די צאָל קראַנקע און טויטע איז צווישן די אָרעמע געווען פיל גרעסער, און די אָרעמעלייט זיינען זיכער געווען, אַז אין זכות פון די נדרים און צדקה, וואָס יענע טיילן, ווערן זיי ניצול פון טויט.

די פאַרמעגלעכע און רייכע איז, אָבער, אויך נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט געבן די לעבעדיקע קבצנים אויף ברויט, האָט מען נאָך געריסן פון זיי פאַר די טויטע אויף תכריכים. על פי גבירישן שכל האָבן די קבצנים געמעגט נישט אַזוי איינלייגן די וועלט דווקא צו באַגראָבן די מתים זייערע אין תכריכים, וואָס מ׳האָט נאָך אַלע מגפה־געזעצן נישט געטאָרט; אין דער צייט נאָך, ווען מ׳האָט עס אַליין נישט פאַרמאָגט און געדאַרפט אָנקומען נאָך קצבה. ס׳איז, דאַכט זיך, אַ גרעסערער פחיתת הכבוד פאַרן מת באַגראָבן צו ווערן אין פרעמדע תכריכים, איידער אָן תכריכים. ס׳האָבן איניקע פון די גאָר פאַרמעגלעכע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מאַכן פליטה פון שטעטל, אַנטלויפן פון די אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, און איינצייטיק געטראַכט צו אַנטלויפן פון דער מגפה, וועלכע האָט זיך פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט און זיך אַלץ ברייטער, ברייטער איבערן שטעטל צעשפרייט.

די צאָל קדישים איז געוואקסן. ס׳האָבן געזאָגט קדיש עלטערע און אַלטע יידן, בחורים, יינגלעך און דריי־פיר־יאָריקע קינדער, וואָס האָבן נאָך אַפילו ריידן נישט געקאָנט. אַזוי ווי די בעקלעך זיינען אָט־די פיצלעך קדישים געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די בענק און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, וואָס די טאַטעס האָבן מיט זיי נאָך די מאַמעס געזאָגט. און ווען די גרעסערע און גרויסע קדישים האָבן שוין געהאַט זייער קדיש אָפּגעזאָגט, האָבן נאָך לאַנג די פיצלעך יינגלעך געמעקעט:



„אמן, יהא שמיה רבא מברך!...

און ס׳איז געווען אַ שווייגנדיקע שטילקייט אין שול. מ׳האָט שטיל געשוויגן און זיך איינגעהער׳ט צו די ווערטער, וואָס זיינען געקומען פון די קינדערשע מיילער, און מיט שווער־וואָגיקער פרומקייט נאָכגעטראַכט יעדעס וואָרט, ווי יעדעס וואָרט פאַר זיך וואָלט עפּעס דערציילט פון קינדערשן עלנט און איינזאַמקייט. מען האָט געקוקט די קינדער אין די מיילער אַריין און ס׳האָבן געשוועבט אין די מוחות די יונגע, נישט לאַנג און נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענע, מאַמעס. ס׳איז עפּעס געווען אַ געמיש פון טיף־פיינלעכן רחמנות סיי צו די יונגע מאַמעס, וואָס האָבן אַזוי יונג דאָס לעבן פאַרלאָזט, און סיי צו די פיצלעך יתומים, וואָס זיי זיינען אַזעלכע פיצלעך יתומים געבליבן, און ס׳האָט יעדערער ווי געמיינט אַ טובה צו טאָן אי די פאַרשטאָרבענע, אי די איבערגעבליבענע יתומימלעך, און יעדער איינער האָט מיט האַרציקער פרומקייט אַ כאַפּ געטאָן זיך נאָכצוזאָגן:

„אמן, יהא שמיה רבא...!”

## 7

אין דער גאַנצער חשכות האָבן זיך די „פאָרכטיקע” טעג אַריינגערוקט און, ווילנדיק — נישט ווילנדיק, האָט מען געמוזט יום־טוב מאַכן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פון שבעה אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט אין די קראָמען דעם יום־טוב איינצוהאַנדלען. די אלמנס זיינען געגאַנגען איינהאַנדלען, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, אין די זעלביקע קלייטן, וואו די ווייבער זייערע פלעגן איינקויפן. דערביי זיינען מיט איניקע פון זיי פאָרגעקומען אַ פּאָר אינצידענטן, וואָס האָבן אויף אַ לאַנגער צייט געלאָזט אַ שווערן איינדרוק.

געווען אַ פּאָר זייעריקע, וואָס פלעגן „נעמען” אויפן בוך יאָרןלאַנג, אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר זיך צוזאַמענגעחשבונט, אָפּגעצאָלט און ווייטער גענומען. דאָ גאָר פּלוצלינג האָט זיך איין קרעמער און אַ צווייטער — ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, זיך אָפּגעזאָגט צו באָרגן אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים. פאַר וואָס? פאַר ווען? — דאָס האָבן די קרעמער נישט געקאָנט זאָגן. זיי, אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים,

האָבן עס אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין, און טאַקע פאַרשטאַנען אויך. און דערפאַר טאַקע זיינען די אינצי־דענטן אַרויסגעקומען. אָנגעקוקט זיך מיטן קרעמער אויג אין אַריין און אַרויסגעשפּרונגען:

— און איר האָט שוין געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט גאָט? אפשר וועט איר גאָר שטאַרבן?

איז יענער מיט חרפּה און טעמפּן אומעט אַוועק אַהיים, פאַרכאַפּט אַ חפץ פון שטוב און אַוועקגעטראָגן אַלס משכון (פאַרשטייט זיך, שוין צו אַן אַנדער קרעמער), און גענומען אויף יום־טוב אַזוי פיל, וויפל די פאַמיליע און די צאָל מיילער האָט עס געפאָדערט. האָט אַ שטומע אומרואיקייט די הערצער געפרעסן, אַז עפּעס נעמט מען איבעריקס, אַז נישט אַלע מיילער, וואָס מ׳גרייט צו פאַר זיי דאָס עסן, וועלן עסן פון דעם צוגעגרייטן.

ערב ראש־השנה, נאָך האַלבן טאָג, האָט דאָס גאַנצע שטעטל, אפילו די יעניקע, וואָס די מגפה האָט זיי נישט אָנגערירט, דערשפּירט, אַז דער ערב ראש־השנה איז אַנדערש פון אַלע ערב ראש־השנהס פון אַלע יאָרן. אַ האַלבער טאָג איז נאָך געבליבן ביז פאַר נאַכט, אַ האַלבער טאָג פון אַלטן יאָר צום נייעם, און ס׳איז נישט געווען וואו אים אַהין צו טאָן. אַ שטיק צייט פון ערב יום־טוב מיט וואָכעדיקער טרוקנקייט און אָן אַ ביסל וואַרעם וואַסער דאָס לייב אָפּצושווענקען. עס זיינען פיל זייעריקע געגאַנגען אין טייך, נאָר ס׳איז נישט געווען דער תענוג, וואָס מ׳קאָן האָבן פון וואַרעם וואַסער און פון אַ הייס בעזעמל מיט פאַרע. די באָד האָט געפעלט. מען האָט עס אויף יעדן פּנים פון יעדן ייד געקאָנט דערקענען — טרוקן און וואָכעדיק בלאָס. מ׳האָט נישט געקאָנט פון זיך אַראָפּוואַרפן די וואָכעדיקע מלבושים, די קויטיקע וועש, און אָנטאָן ריינע אויפן טרוקענעם, נישט געוואַשענעם לייב. דער יום־טוב איז שוין געווען אין די הייזער און אַרום די יום־טובדיקע טירן האָבן זיך וואָכעדיקע יידן אַרומגעדרייט נע ונד, ווי אָן אַ תיקון, און ערגעץ פאַר זיך קיין פּלאַץ נישט געקאָנט קריגן, מיט זייער וואָכעדיקייט זיך פרעמד געשפּירט אין די אייגענע הייזער, וואו ס׳איז יום־טוב געווען. עפּעס ווי אורחים, פאַראָרעמטע און שפּלע...

פון נישט האָבן וואָס צו טאָן און נישט האָבנדיק מיט וואָס אָט



דעם טרוקענעם אומעט צו פאַרטרייבן, האָט זיך איין ייד און אַ צווייטער אַראָפּגעלאָזט פון בערגל צו דער באָד כאָטש אַ קוק צו טאָן דערויף, ווי אַזוי עס זעט אויס; געוואָלט כאָטש מיט אַרומדרייען זיך און באַטראַכטן די באָד — די באָד־צייט פאַרטרייבן.

אַרומגעגאַנגען עס פון דרויסן און באַטראַכט די פענצטער, געוואָרפן אַ קוק צום קוימען, — פון די פענצטער האָט קיין פאַרע נישט געזעצט און פון קוימען איז קיין רויך נישט געגאַנגען. פון אַלע זייטן עס באַטראַכט, ווי עס שטייט אַ טרוקנס, אַ שטילס, אַ וואָכעדיקס; אויפן גרויסן צעבער געקוקט, וואָס איז געהאַנגען איבערן ברונעם אַ צעטריקנטער, אַ צעלעכצטער, און דורך די שפּאַרונעס האָבן אַרויסגעקוקט פּוסטקייט און דרויסנדיקייט, און דער סך־הכל: אַ קאַלטע, טרוקענע, שטילע באָד, געהילט אין קאַלטן, שטילן, טרוקענעם אומעט...

אַ פּאָר יידן זיינען דאָך געקומען מיט ריינע וועש אונטער די אָרעמס, געקומען לכבוד דעם יום־תרועה אָפּצוטובלען די גופים זייערע כאָטש אין דער קאַלטער מקווה. אין דרייען זיינען זיי געקומען און מיט אומעטיקן קאַלטן אומעט האָבן זיי באַטראַכט די גרויסע באָדיקע לערקייט, און אַלץ, אויף וואָס דער בליק זייערער איז געפאַלן, האָט זיי אויסגעקוקט אַזוי אויסטערליש ניי, ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל דאָרטן געווען. עפּעס אַזאַ מאָדנע פריקרע פרעמדקייט איז געווען איבער דעם גאַנצן גרויסבאָדיקן פאַרנעם, און זיין אַויר, צעגאָסן, צעלייגט אויף די לאַנגע, ריינגעוואַשענע בענק און אויף דער טרוקענער דיק־הילצערנער פּאָדלאָגע. מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָבן זיי באַטראַכט דעם פאַרחרובטן ווינקל, וואו דער קעסל איז געשטאַנען, באַטראַכט די חורבן־לאָך מיט די צעהרגעטע און צעפּיצלטע שטיינער און דאָס פאַרטריקנטע פון יאָרן־לאַנג איבערגעברענטע ליים. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי שווידערלעך פרעמד...

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט נאָך זייער אַריינקומען האָט זיך דער בעדער באַוויזן מיט אַ פּאָר צעלעכצטע שפּעלעך. וואו ער האָט זיי גענומען און וואָס ער האָט זיך מיט זיי געטראָגן, האָט ער, דאַכט זיך, אַליין אויך נישט געוואוסט; ווי אַ גלגול איז ער פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן, אָט דער בעדער, אַן אָנגעכמורעטער, אַ ברוגזער. די יידן,

אַזוי גלייך ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט טענות, פאַר וואָס ער האָט כאָטש די מקווה נישט אָנגעוואַרעמט.

— אָבער די מקווה האָסטו דאָך געקאָנט דערוואַרעמען!

דער בעדער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט קיין קוילן נישט געהאַט. וואו קאָן ער נעמען קוילן צו דערוואַרעמען דעם „סאַמאָוואַר", אַז די באָד הייצט זיך נישט.

— אַ תירוץ פאַר די בענטש־ליכט. ווען דו וואָלסט אַריין צו מיר, וואָלט איך דיר נישט געגעבן אַ ביסל קוילן?

— אָט דאָס איז נישט גוט, — האָט איינער פון די דריי, אַ גרויסער למדן און פרומער ייד, געזאָגט — דאָס איז נישט גוט, וואָס אַ בעדער איז אַלע מאָל אַ בור מדאוריתא. ווען אַ בעדער וואָלט נישט געווען קיין גראָבער יונגאַטש, וואָלט ער געוואוסט, אַז ערב ראש־השנה...

— נו, וויל, אָבער, קיין למדן קיין בעדער נישט ווערן — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

ס'האָט דייטלעך אָפּגעקלונגען יעדעס וואָרט זייערס; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גרויסע פוסטקייט און לערקייט העלפט מיט צו ריידן און צום אונטערהערן, וואָס מ'רעדט. ס'האָט זיך געשפּירט די אָן־מזוזהדיקע פוסטקייט, און יעדערער אין זיך איז געווען צופרידן, וואָס ער איז נישט אַליין, וואָס ער איז נאָך מיט צוויי, וואָס מ'איז אין דרייען.

די דריי יידן האָבן מיט אומעטיקער פוילקייט און פוילן אומעט זיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן. פויל אַראָפּגעשלעפּט אַרבלען, קאַפּאָטעס, קאַמזוילן און לייבסערדאַקעס, האָט איינער פון זיי, שוין אַן אויסגעטאָנענער, נאָר וואָס איז נאָך געשטאַנען מיטן היטל אויפן קאָפּ צוליב פרומקייט און צוליב ראש־השנה, און אויך צוליב דעם, כדי אויף לענגער אָפּצוהיטן אָט דאָס אַראָפּלאָזן זיך אַראָפּ אונטן אין דער פינצטערער און קאַלטער מקווה, געזאָגט:

— אפשר וועלן מיר טאַקע פאָרט גיין אין טייך אַריין, האַ?

אין דער אָפענער טיר האָט זיך אַ הינטישער קאָפּ באַוויזן. אַריינגעשטעקט די מאָרדע אינעווייניק, האָט ער נאָז־לעכערדיק די לופט אַרומגעשמעקט, און ס'איז געווען צו דערקענען אין זיין די־לופט־אַרומשמעקן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין הינטישן חוש־הריח שמעקט



ער אָן אַזאַ ניכטערע און ליידיקע לופט, אָן אַ שפּור פון עפּעס עסנוואַרגדיקס, און אין די אויגן זיינע איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס ערשטע מאָל זעט ער אַזאַ מאָדנע „שטוב", מיט אַזעלכע מאָדנע מענטשן, וואָס די קעפּ ביי זיי זיינען געוויינטלעכע, ווי ביי יענע אַלע, וואָס ער זעט כסדר, אָבער פון די קעפּ און ווייטער זיינען עס גאָר אַנדערע מענטשן. געקוקט אַזוי מיט אַ הינטישן אומעט אין די אויגן, האָט ער גאָר פּלוצלינג דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַרויף, די מאָרדע פאַרריסן, אַ פילפּאַכן שלשלתדיקן וואָיע אַרויסגעלאָזט און פיסלדיק אַוועק און אָפּגעצויגן.

— אויף דיין קאָפּ! — האָט דער ייד, וואָס איז נאָך אַלץ אין היטל געשטאַנען, אויסגעשריען און אויסגעשפּיגן.

דער ייד, וועגן וועלכן ס'רעדט זיך, איז שוין נישט בלויז צוליב פרומקייט אין היטל געשטאַנען, נאָר כדי אַזוי אַרום דער לעצטער צו זיין אין מקווה זיך אַראָפּצולאָזן. ער האָט דורכאויס געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין די ערשטע; אַן אומבאַגרייפלעכע מורא האָט אים אָפּגעהאַלטן זיך אַראָפּצולאָזן דער ערשטער אין דער מקווה אַריין.

ענדלעך האָבן זיך יענע בידע געלאָזט גיין פאָרויס, און ער, אָט דער ייד, נאָך זיי פון הינטן. טריט ביי טריט געגאַנגען, טריט ביי טריט געטראָטן אויף די קילע שפּאַלן, וואָס זיינען געווען אין דער מיט אויסגעהוילט מיט אַ רינוועלע און באַוויזן מיט דער דיקקייט זייערער, אַז ס'איז נישט קיין געוויינטלעכע פּאָדלאָגע, אַז דאָס זיינען דיקע שפּאַלן, און דאָרט ביים סוף האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט אַ לאָך אין וואַנט און מיט אַ דרויסנדיקער ליכטיקייט, וואָס האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק אַריין.

פון דעם שטייענדיקן מקווה־וואַסער האָט זיך געשפּירט אַן אומעטיקער, שווערער ריח, ווי פאַרפרעסטע פאַרגליווערונג פון מענטשן־שוויס און פאַרמאַרינירטע ריחות פון מענטשן־קערפּערס. דאָס וואַסער אונטן האָט מען נישט געזען, ס'איז געווען צונויפגעגאָסן מיט דער אונטערשטער פינצטערניש און דאָס אויג האָט נישט געקאָנט כאַפּן, וואו ס'ענדיקט זיך די פינצטערניש און וואו ס'הייבט זיך אָן דאָס וואַסער. פון אויבן־אַראָפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הילצערנע, בלינדע ווענט און פאַרלוירן געגאַנגען מיט זייער נאַקעט־הילצערנער בלינדקייט, זיך אַראָפּגעלאָזט קעלערדיק און ברונעמדיק. זיי זיינען פון אויבן ביז אַראָפּ

געווען באַשאָטן מיט מכות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שוואָמען. — גרויע, נאַסע און גליטשיקע; אייניקע פון זיי זיינען געווען אַזוי אַלט און אויסגעטריקנט, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט ברעכן ווי ליימיקע שערבלעך.

— אפשר וועלן מיר טאַקע פאָרט גיין אין טייך אַריין? — האָט דאָס צווייטע מאָל געזאָגט דער זעלבער ייד, וואָס האָט דאָס געזאָגט צום ערשטן מאָל.

דער ייד האָט נישט אַזוי געמיינט אין טייך אַריינצוגיין, ווי אים האָט זיך נישט געוואָלט גיין אין מקווה; עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע מורא האָט אים באַהערשט זיך אַראָפּצולאָזן אונטן. ווען ער וואָלט דאָ אַליין געווען, וואָלט ער שוין אין מקווה נישט געגאַנגען, ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אין ריינע וועש און וואָלט געקומען מיט טרוקענע באָרד און פאות אַהיים.

— שליחו מצווה אינן נזיקין! — האָט דער זעלבער פלוצלינג אַ זאָג געטאָן און, זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין פרומקייט און אָן דעם מאמר, וואָס ער האָט אָפּגעמאמרט, האָט ער פלוצלינג מוט באַקומען, און ווי עמעצער וואָלט אים אַ צי געטאָן אַראָפּ, האָט ער זיך מיט האַסטיקע טריט אַראָפּגעלאָזט אונטן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די צוויי יידן, וואָס זיינען געשטאַנען פון אויבן, דערהערט אַ פּליוסק אין וואַסער. געוואָרט אויף דעם פּליוסק, כדי עפּעס אַ פרעג צו טאָן און זיך אויך אַראָפּצולאָזן נאָך יענעם, האָט איינער אַ פרעג געטאָן:

— גוט, האַ?

— ס׳איז מיר נישט גוט! — האָט זיך פון אונטן אַרויף אַ קול דערהערט...

— — — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן מיט שטאַרקן ליכט און שוואַכער וואַרעמקייט. זי האָט זיך שוין אין גאַנצן אויף מעריב פאַרקליבן און געקוקט אַזוי סוף־זומערדיק און סוף־יאָריק, און פון פענצטער האָט מען געזען, ווי דאָ און דאָרטן צינדן מאַנסבילשע הענט ליכט. אַ ייד מיט אַ באָרד איז דאָ און דאָרטן געשטאַנען און ליכט געצונדן, און יתומים, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעוויינט, האָבן פון דאָס ניי אַ קול־בכיה געלאָזט הערן, און די אלמנס זיינען געשטאַנען אין די



יום־טובדיקע קאַפּאָטעס, פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט, און געטאָן נישט זייער אַרבעט פון ליכט־צינדן.

נאָך ליכט־בענטשן האָט ווער דאָ אין שטוב אין איין פענצטער, דאָרטן אין אַ שטוב אין אַ צווייטן פענצטער, צוגענומען די נשמה־לעמפּלעך צוליבן אָנקומען פון יום־טוב. אָט די נשמה־לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט נעכט און טעג צוליב ברענען און נישט צוליב לייכטן און וואָס האָבן מיט פייער־בלינדקייט געקוקט אין די ליכטיקע, זוניקע טעג אַריין און מיט פינצטערן אומעט פון נישט אויסלעשן זיך, האָט מען איצט צוליבן אָנקומען פון יום־טוב אַראָפּגענומען פון די פענצטער, די לעמפּלעך מיט די פייערלעך, און זיי אויסגעלאָשן, ערגעץ פאַרטראָגן און פון אויג פאַרשטעלט.

צונויפגעקומען זיך אין שול, האָט זיך פון דער ווייבערשער זייט באַלד געלאָזט הערן אַ שרעקלעכע יללה. נאָך די ליידיקע „שטעט" האָט מען געקאָנט ציילן די צאָל ווייבער, וואָס פעלן. און אויך אין דער מאַנסבילשער שול האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן פיל ליידיקע ערטער. און די יעניקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות לעבן די ליידיקע פּלעצער, האָבן געשפּירט מער ענגשאַפט, ווי ווען די באַלעבאַטים פון די „שטעט" זיינען געווען אויף זייערע ערטער.

זיך אָנגעקיטלט און אָנגעטליתט, האָט זיך געדאַכט, אַז די שול איז פולער געוואָרן, געדיכטער און ענגער. און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז ווער געקומען און ענגער געמאַכט... „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר", וואָס כאַפּט אַריין ביים עמוד אַ שבתדיקע און יום־טובדיקע מנחה, איז צוגעגאַנגען צום עמוד און מיט אַ סליחותדיקן קול אַ זאָג געטאָן:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!

## 8

פון דעם יידס הויזגעזינד, — פון יענעם, וועמען ס׳איז אין מקווה נישט גוט געוואָרן, איז קיין איינציקער אין שול נישט געקומען, און דאָס אַליין האָט באַוויזן, ווי שלעכט ס׳האַלט דאָרט מיט אים. פאַר דעם קאַרגן מעת־לעת פון ערב יום־טוב ביז צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן זיך אַזוי פיל פאַנטאַזיעס אויסגעוועבט אין מענטשלעכע מוחות. עס האָבן